**גוט שבת אלע אידן.** ישראל "שראלי" קארן איז אן "אי.עם.טי" וואס ארבעט מיט הצלה אין ברוקלין. איין נאכט איז שראלי געפארן אויפן פראספעקט עקספרעסוועי אין ברוקלין ווען ער איז אריינגעפארן אין א גרויסע טראפיק. ער האט געקוקט און געזען די סיבה פון דעם טראפיק, עס איז געשען ל"ע אן אקסידענט. שראלי האט גלייך געפארקט זיין קאר אויפן זייט און ער איז געלאפן צו זען אויב ער קען אפשר העלפן.

ווען ער איז אנגעקומען צום עקסידענט האט ער געזען אז די עקסידענט איז געשען צווישן צוויי דרייווערס, איינער איז געווען א איד און איינער א גוי, להבדיל. ב"ה אז דער איד איז געווען בסדר, אבער דער גוי איז גראדע שטארק געשעדיגט געווארן. נאכדעם וואס שראלי האט מברר געווען אז דער איד איז אין ארדנונג, איז ער אריבערגעגאנגען צום גוי צו ראטעווען זיין לעבן. (אלס דרכי שלום) שראלי האט גערופן אן אמבולענס פארן גוי.

בשעת שראלי האט געארבעט אויפן גוי, זענען געקומען די גויאישע "הצלה" און זיי האבן געארבעט צוזאמען מיט שראלי. דאס מצב מיט דעם גוי האט טאקע אויסגעקוקט זייער ערנסט, און שראלי האט אלעס געטון כדי צו ראטעווען זיין לעבן. בשעת מעשה איז אויך אנגעקומען א פאליצאנט. דער פאליצאנט האט געהאלפן דורך פירן דעם טראפיק אוועק פון די קארס כדי די הצלה מענטשן זאלן קענען ארבעטן.

עס האט גענומען א שטיק צייט, אבער שראלי האט מצליח געווען צו העלפן דעם גוי. באלד דערנאך האט אן אמבולענס אוועקגענומען דעם גוי צום שפיטאל. שראלי האט באדאנקט דעם פאליצאנט און דאן איז יעדער איינער אוועקגעפארן.

בערך פונף חדשים נאכדעם, איז שראלי געווען ערגעץ אין א געשעפט אין בארא פארק. פלוצלינג, האט שראלי באמערקט א מענטש וואס ער האט זייער שטארק געקענט אבער ער האט נישט געדענקט פון וואו. דעם פנים פונעם מענטש האט שראלי דערקענט און דער מענטש האט געטראגן א קליינע קאפעל. שראלי האט דעם מענטש אנגעקוקט אפאר סעקונדעס, פרובירנדיג אויסצורעכענען ווער ער איז. שראלי האט ארויסגעקוקט פונעם פענסטער פונעם געשעפט און ער האט געזען אן אינטערעסאנטע מין קאר, א בעהאלטענע פאליציי קאר. יעצט, האט שראלי אנגעהויבן אביסל צו געדענקען ווער דער מענטש איז געווען.

"דו ביסט געווען ביי אן עקסידענט עטליכע חדשים צוריק אויף דעם פראספעקט עקספרעסוועי?" האט שראלי געפרעגט דעם איד. דער איד האט געקוקט אויף שראלי, און עס האט אויסגעקוקט אז יענער האט דערקענט שראלי אויך.

"איך בין געווען איינער פון די אי.עם.טי'ס פון יענע נאכט. איך געדענק דיך, אבער איך געדענק נישט אז דו האסט געטראגן דעמאלט א קאפעל."

דער אפיצער האט געשמייכעלט. "צו זאגן די אמת, האב איך טאקע קיינמאל נישט געטראגן א קאפעל, ביז יענע נאכט... מיין פרוי און איך האבן זיך אייביג געהאלטן אלס "טראדישינאל" למשל, מיין האט פרוי אייביג געצינדען לעכט פרייטאג צו נאכטס און אין דער היים האבן מיר קיינמאל נישט געמישט בשר וחלב. מער ווי דעם אבער האבן מיר נישט געטון. ביז... דו האסט אלעס געטוישט..."

"וואס מיינסטו?" האט שראלי געפרעגט דעם איד.

"גארנישט אזוי אינטערעסאנט איז געשען דעמאלט יענע נאכט. עס איז נישט אנדערש געווען ווי אנדערע עקסידענטס, ל"ע." האט שראלי געזאגט. שראלי האט געטראכט אז ער האט נאר געטון זיין תפקיד, ער האט געהאלפן די פארוואונדערטע מענטשן.

"איך בין אן אפיצער שוין מער ווי זעקס און צוואנציג יאר, אבער איך האב קיינמאל נישט געזען וואס איך האב געזען יענע נאכט. צו זען ווי אזוי דו האסט געארבעט אויף דעם גוי איז געווען מוראדיג! דו האסט שטארק מחשיב געווען יענעם'ס לעבן, אפילו ער נישט געווען קיין איד. עס איז טאקע געווען א סכנה צו טון וואס דו האסט געדארפט טון ארומגיין אויפ'ן הייוועי ביי נאכט אין דעם פינסטערניש. עס האט דיך נישט אנגעגאנגען צי עס איז געווען דיין ברודער (ח"ו) אדער א גוי (להבדיל). עס האט געמאכט א גרויסע רושם אויף מיך און איך האב אנגעהויבן צו טראכטן וועגן מיין אידישקייט.

"ב"ה זייט דעמאלט זענען מיר געגאנגען וואוינען אין מער א אידישען געגענט. און יעצט דאווענען מיר שוין אין אן ארטאדאקסישען שול. מיר האבן נאך א לאנגע וועג צו גיין אין אידישקייט, אבער מיר האבן עס דורך געשמועסט און מיר האבן אפגעמאכט אז מיר ווילן טאקע גיין אויף דעם וועג! אלעס איז אין דיין זכות. די קידוש השם וואס דו האסט געמאכט יענע נאכט האט געטוישט מיין לעבן אינגאנצען. איך באדאנקט דיר מיט מיין גאנצען הארץ."

שראלי איז אוועקגעגאנגען מיט א גוטע געפיל אין זיין הארץ. דורך זיין מעשים טובים האט ער מקרב געווען אפאר אידישע נשמות! מצוה גוררת מצוה!

אין די היינטיגע פרשה ליינט מען וועגן דעם חלום וואס יעקב אבינו ע"ה האט גע'חלמ'ט אויפ'ן וועג קיין חרן. אין חלום האט יעקב אבינו ע"ה געזען א לייטער. די ספרים הקדושים זענען מסביר אז דער לייטער איז מרמז אויפ'ן ציל פון א איד, ד"ה צו שטייגען אייביג העכער און העכער אין דעם לעבן כדי צו דערגרייכען צום הימעל. ד"ה, א איד דארף שטענדיג פראבירן זיך צו בעסערן אין ענייני רוחניות. מען זעט די בחינה אין די מעשה, וועגן אונזער בעל תשובה דער פאליצאנט, וואס האט געטוישט זיין וועג אין לעבן כדי צו שטייגען העכער און צו זיין נענטער צו זיין טאט'ן אין הימעל. איז לאמיר אלע זיך נתעורר פון דעם מורא'דיגען מעשה, וואס האט אונז געוויזן ווי איין איד האט געשטיגן אויף די רוחניות'דיגע לייטער אין לעבן.
**גוט שבת אלע אידן.**

*מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נשואי נכדו יוחנן שליט"א בן חתנו הרה"צ רבי אברהם יהושע העשל שליט"א עב"ג בת בנו הרה"צ רבי מנחם מענדל שליט"א*

*מזל טוב למוה"ר יששכר יואל אונגער הי"ו לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו יונה נ"י*

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**מבצע פאר'ן נייען יאר: לעש אויס דעם סעלפון פאר'ן אריינקומען אין שול, כדי עס זאל נישט שטערן דעם דאווענען!**